STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03389

ARUM DER SHUL

Keylye Minkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארום דער שול

לידער

— פון —

קיילע מינקין

י. ניגער

INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

1955

אַרויסגעגעבן פון

שלום-עליכם פאָלקס-שול איינס

בראָנקס, נ. י.

166

פאָרוואָרט

קייליע מינקין איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט באָ־ברויסק, ווייס־רוסלאַנד, די טאָכטער פון בער ראַזאָווסקי. די היים פון אירע עלטערן און די נאָענטע סביבה איז געווען אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע און, אין דער זעלביקער צייט, אויך אַ קול־טורעל־וועלטלעכע. אָט די יידיש־פאָלקישע קולטור־סביבה, אין איינעם מיט דער אַלגעמיינער בילדונג, וואָס זי האָט געקראָגן, האָבן גורם געווען איר שפּעטערדיקע טיפע ליבשאַפט צום יידישן פאָלקס־לעבן, צו זיינע שיינע טראַדיציעס און צו די העכערע ווערטן פון אונדזער פאָלק.

קומענדיק קיין אַמעריקע מיט איר מאַן, ד״ר יהודה מינ־קין, וואָס איז אויך מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער יידישער קולטור, זיינען זיי ביידע באַלד אַריין אין דער סביבה פון יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס און האָבן פייערלעך פאַרבונדן זייער לעבן מיט דער יידישער קולטור און פאָלקס־לעבן. זיי זיינען געוואָרן די וואַרמסטע אונטערשטיצער פונעם יידישן וואָרט און פון דער יידישער דערציאונג.

ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די שלום־עליכם פאָלקס־שול איינס אין זייער געגנט, זיינען זיי געוואָרן די איבערגע־געבנסטע טוער פאַר איר עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג. קייליע מינקין האָט דורך די אַלע יאָרן זינט די שול איז צום צווייטן מאָל דערעפנט געוואָרן אין 1935 — איר אָוועקגעגעבן אַ סך ענערגיע און ליבשאַפט. אָט די גרויסע ליבשאַפט און דער טיפער באַוואוסטזיין אין דער אַבסאָ־לוטער נייטיקייט פון יידישער דערציאונג פאַרן יונגן דור, האָט זיך ביי איר אויסגעדריקט ניט נאָר אין איר איבערגעגעבענער אַרבעט פאַר דער שול, נאָר אויך דורך איר וואָרט און געזאַנג.

קייליע מינקין האָט אָנגעהויבן שרייבן אָדעם פאַר דער יידישער שול, פאַר אירע טוערס, פאַר די גראַדואַנטן און לע־

רערס, און אויך פאַר די שול־פייערונגען און שמחות. אַפילו די וואָכעדיקע אַרבעט אַרום דער שול איז פאַר איר געוואָרן אַן עבודת־הקודש, וועלכער זי האָט געווידמעט איר ליד.

זי האָט די ווערטער פון אירע לידער צוגעפּאַסט צו פּאָפּולערע מעלאָדיעס און לידער כדי וואָס מער מענטשן זאָלן אָט די לידער קענען פאַרזינגען און נאָכזינגען. און ביי יעדער שול־שמחה ווערן טאַקע אירע לידער מיט געשמאַק געזונגען פון אַלע פאַרזאַמלטע. ביי יעדער שמחה ווערן מענטשן דערהייבן דורך די אויפמונטערנדיקע, גלייביקע ווערטער פון קייליע מינקין.

לייענענדיק די לידער זעט מען פאַר זיך דאָס לעבן פון דער שול איינס, איר לעבעדיקע כראָניק, אירע פריידן און שווערע ראַנגלענישן פאַר איר עקסיסטענץ אויף דער גלייכגילטיקער יידישער גאַס.

אָבער קייליע מינקין איז טעטיק ניט נאָר אויף דעם געביט פון יידישער דערציאונג. זי איז אויך, אין איינעם מיט איר מאַן, יהודה מינקין, אַ טעטיקער מיטגליד פון דער פריילאַנד־ליגע, וואו איר אַרבעט איז ערנסט און אָנזעעוודיק. אויך אָט דער באַוועגונג האָט זי געווידמעט, אין איינעם מיט איר גלייבן און טעמפעראַמענט, עטלעכע פון אירע לידער, ווי „אַ לאַנד פאַר יידן", „מיטן וואַנדערשטאַק" און אַנדערע.

אַלע לידער, צוליב זייער כאַראַקטער און אינהאַלט און צוליב דער מוזיק (צוגעגעבן ביים סוף פון דער זאַמלונג), קענען געזונגען ווערן, מיט גאָר קליינע ענדערונגען, אין אַלע יידישע שולן, און קענען ברענגען דעם זעלביקן פאַרגעניגן וואָס זיי האָבן געבראַכט דער שלום עליכם־שול 1.

די שלום עליכם־שול 1 איז דעריבער שטאָלץ מיט דעם, וואָס אָט די לידער, וועלכע זיינען אין דער שול געזונגען געוואָרן קרוב צו צוויי צענדלינג יאָר, זיינען איצט געזאַמלט געוואָרן אין בוכפאָרם.

ל. כאַנוקאָוו

יאַנואַר, 1955.

שול־פּייערונג

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

היינט איז אַ יום־טוב ביי אונדז אין שול איינס,
ביי אַלעמען דאָ איז די שמחה גאָר גרויס. —
יאהולא, יאהולא . . .

די שול איז מיט קינדער כמעט אָנגעפּאַקט.
זיי לערנען מיט חשק און גוטן געשמאַק.
יאהולא, יאהולא . . .

דער לערער אַ יונגער, דערצו אַ פּאָעט, (וו. יונין)
אַ גוטער, אַ פיינער, אַזוי ווי איר זעט.
יאהולא, יאהולא . . .

די שיינס האָבן געפעלט אונדז דעם גאַנצן יאָר.
איצט זיינען זיי דאָ, דאָס טייערע פּאָר.
יאהולא, יאהולא . . .

אַ שאָד וואָס די שניידערס זיינען ניטאָ,
ער זאָל נאָר געזונט ווערן, אין אַ גוטער שעה!
יאהולא, יאהולא . . .

גאָרעליק איז שטרענג און רעדט מיט פייער,
מיר שעצן דאָס זייער, — ער איז אַ געטרייער.
יאהולא, יאהולא . . .

פון אַלע פאַרוואַלטערס, צוויי אַרבעטן שווער,
דאָס זיינען די גאָטליבס — זי און אויך ער.
יאהולא, יאהולא . . .

אַ דאַנק פאַרן קומען צו אונדזער באַנקעט.
זאָגט אונדז דעם אמת, וואָס האָט אייך געפעלט?
יאהולא, יאהולא . . .

זייט פריילעך און לוסטיק, איר טייערע געסט,
און מאָרגן די אַרבעט אין שול ניט פאַרגעסט.
יאהולא, יאהולא . . .

1937

צו גאָלדע עפּשטיין

(מעלאָדיע „פילע מענער זיינען דאָ“, זייט 56)

פילע פרויען זיינען דאָ, —
ווער איז אַ פאַרוואַלטער ?
פילע פרויען זיינען דאָ, —
ווער איז אַ געטרייער ?
יאָ, יאָ, יאָ, איר מוזט עס וויסן.
יאָ, יאָ! יאָ, יאָ, יאָ, איר מוזט עס וויסן, יאָ!

אַ שול געטראָפן אויפן וועג —
ווערט זי אַ פאַרוואַלטער.
פאַרקויפט זי „ראַפלס“ און בילעטן, —
ווי קאָן מען עס ניט שעצן ?
יאָ, יאָ!...

ווער די פרוי איז, ווייסט איר דאָך,
איך דאַרף אייך ניט דערקלערן.
גאָלדע עפּשטיין מיין איך דאָ, —
זי האָט פאַרדינט אַ ברוך־הבא.
יאָ, יאָ!...

חברטע עפּשטיין האָט אונדז געפעלט,
ווען זי איז קראַנק געוועזן,
איצט איז זי ווידער דאָ מיט אונדז
און מיר ווילן זי באַגריסן.
יאָ, יאָ!...

טאָ לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
זינגען לידער, טרינקען וויין,
ווינטשן איר אַ פולע גליק,
מער פון צער זאָל זי ניט וויסן.
יאָ, יאָ!...

.1937

די גאטליבס

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

מיר האָבן פאַרענדיקט דעם צווייטן שול־יאָר
און ווילן באַגריסן פאַרוואַלטערס אַ פּאָר.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

אַ פּאָר וואָס אַרבעט אין שול אָן אַ שיעור,
מיט פיל מסירת־נפש און אימפּעט פאַר פיר.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

זי איז אַ פרוי אין געוויקס גאָר ניט גרויס,
נאָר גרויס איז איר אויפטו אין אונדזער שול איינס.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

זי אַרבעט און האָרעוועט אַזוי ווי אַ בין,
דער כבוד דער גרעסטער קומט איר על־פּי דין.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

און ער איז אַ מענטש מיט אַ שטילן געמיט,
שטענדיק באַזאָרגט ס'זאָל ניט זיין קיין דעפיציט.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

מיר דאַנקען און שעצן דאָס פּאָר, אָט די צוויי,
זיי זאָלן געזונט זיין, ניט וויסן פון וויי.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

1937.

אַ ל י ד

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

הײַנט גיבן מיר אָפּ
אַ חשבון הדין:
צי זיין אַ ייד
האָט עפּעס אַ זין.
יאַהולאַ . . .

בויען אַ שול
קומט אָן זייער שווער,
ווייל וויסן, קולטור
איז אונדזער געווער.
יאַהולאַ . . .

מע מאַכט איצט נאָר ביקסן,
מע בויט איצט בלויז טאַנקען.
נישטאָ קיין פּלאַץ
פאַר מענטשנס געדאַנקען.
יאַהולאַ . . .

מיר לייקענען ניט
אַז מיר ווילן ניט שיסן.
מיר שלינגען מיט שטאָלץ
דעם ביטערן ביסן.
יאַהולאַ . . .

פאַרעקשנט מיר וועלן
טרעטן פאָרויס!
ווען די כמאַרעס פאַרגייען,
די זון וועט אַרויס!
יאַהולאַ . . .

.1938

דריי יאָר שול איינס

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

דריי יאָר פון אַרבעט זיינען פאַרביי,
לאָמיר אַ טראַכט טאָן צי איז דאָס כדאַי.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

מיר האָבן געגרינדעט די שול נומער איינס,
פאַר יידישע קינדער, פאַר קליין און פאַר גרויס.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

אַ שול, וואו מען לערנט אונדזער אייגענע שפּראַך,
אַז מיר זיינען אַ פאָלק מיט פעלקער צו גלייך.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

ס'איז אויך אַ היים און אַ יידישער ווינקל,
עדות וועט זאָגן אונדזער חברטע פינקל.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

ס'איז אַ קוואַל וואָס שטאַרקט אונדזער מוט.
צו בויען און שאַפן דעם אינסטיטוט.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

איך בעט אייך, חברים, זאָגט גלייך אויפן אָרט:
יאָ, ס'איז כדאַי ס'זאָל לעבן דאָס יידישע וואָרט!

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

היינט איז אַ יום־טוב. איר האָט אים פאַרדינט.
זייט מוטיק און פריילעך און לידעלעך זינגט.

יאַהולאַ, יאַהולאַ...

1938

צום נייעם שוליאָר

(מעלאָדיע „טומבאַלאַלייקע”, זייט 57)

1

אַ נייעם שוליאָר הייבן מיר אָן,
מיר זיינען גרייט, מיר מוזן עס טאָן,
יידיש צו לערנען איז אַ נייטיקע זאַך.
ס'איז אַ שאַנד ניט צו קענען די יידישע שפּראַך.

2

בייזע ווינטן הוליען אַרום,
מיר, פּשוטע מענטשן, זיינען שטום.
טאָ זאָלן מיר אויפטאָן אויפן שול-געביט,
אַנטוויקלען ביים קינד דאָס יידיש-געמיט..

3

שול איינס לאָמיר בויען מיט כוח און מוט —
עס וועט נאָך זיין פריילעך, עס וועט נאָך זיין גוט!
מיר וועלן פאַרגעסן די צרות פון היינט,
מיר וועלן נאָך לאַכן פון אונדזערע פיינט.

1938

די שול איז יונג

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

1

שול איינס איז נאָך יונג —
זי איז אַלט אַ יאָר פיר,
זי וואַקסט און וועט וואַקסן:
אַזוי ווילן מיר!

2

די טוערס, פאַרוואַלטערס ווייסן פאָרויס
ס'איז אַ שווערע אַרבעט,
נאָר וואָס מאַכט עס אויס!..

3

דער לערער פון שול
ווייסט אויך זייער גוט,
אַז „קנעלן" ביי אונדז
פאָדערט פיל מוט . . .

4

נאָר דאָך ניט געדאגהט!
די שול וועלן מיר בויען,
יידן זאָלן וואַקסן
און ניט זיין קיין גויים. . .

1939

שול־יום־טוב

(מעלאָדיע „טומבאַלאַלייקע", זייט 57)

1

היינטיקער יום־טוב איז כשר פאַרדינט
פון אַלע פאַרוואַלטערס, פון לערער און קינד.
אַ גאַנץ יאָר געלערנט, געאַרבעט צוזאַמען
זאָלן וויסן די קינדער פון וואַנען זיי שטאַמען.

2

גוט יום־טוב אייך אַלע, זייט פריילעך און שטאָלץ.
איר האָט דאָך געהאָלפן צו בויען אַ שול.
און דאָ ווערט דערצויגן דאָס יידישע קינד.
אָט דאָ ווערט פאַרלענגערט די יידישע קייט.

3

אייך, מיינע טייערע, פיר גראַדואַנטן
דריקן מיר אויס אונדזער מזל־טוב היינט.
וואַקסט און זייט גליקלעך, און ווייסט ניט פון פיין.
מיר בענטשן אייך אַלע, געזונט זאָלט איר זיין.

4

אַ מזל־טוב קומט אויך דעם טייערן לערער.
כאַנוקאָוו הייסט ער, ווער ווייסט עס דען ניט?
די שול איז אים טייער, די שול איז אים ליב.
ער אַרבעט און אַרבעט, ווערט קיין מאָל ניט מיד.

1938

אַרום שול איינס

(מעלאָדיע „אַרום דעם פייער", זייט 56)

1

אַרום שול איינס
עס ברענט אַ פייער
פון יידיש לערנען,
פון יידיש לעבן.

2

מיר הייבן אָן
דעם פערטן יאָר שוין
מיט אַ נייעם לערער
און פרישע כוחות.

3

טאָ העלפט אונדז
בויען אַ גרויסע שול,
דער פלאַם פון פייער
זאָל שיינען פול.

4

זאָל שיינען, ברענען
דאָס ליכט פון וויסן.
מיר זאָלן אַלע
פון שול איינס געניסן.

1939

היינט איז אַ יום־טוב אין שול

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

1

היינט איז אַ יום־טוב,
די שמחה איז גרויס:
זעקס קינדער פאַרענדיקן
האַיאָר שול איינס.
יאהולא, יאהולא...

2

ס׳איז באמת אַ שטאָלץ
און אַ פרייד,
וואָס איינע פון זיי
איז געלע שווייד.
יאהולא, יאהולא...

3

דבורה סיראָטין,
גערשאָטן און דין,
זאָלן קינדער וואַקסן,
וואָס מער פון דעם מין . . .
יאהולא, יאהולא...

4

וועלוול טילאָוו,
אַ בחור, אַ כוואַט,
האָט ניט פאַרפעלט
קיין איין טאָג כמעט.
יאהולא, יאהולא...

5

גרעקין, חיים,
איז הויך און גרויס,
ער וועט ניט פֿאַרגעסן
דעם גייסט פֿון שול איינס.

יאהולא, יאהולא...

6

מרים פינקל
איז קליין און איז שיין,
איר יידיש, איך זאָג אייך,
איז מלא חן . . .

יאהולא, יאהולא...

7

שפרה זעלדין
איז באַשיידן און שטיל,
זי גיט אייך אַ שמייכל,
וואָס מיינט זייער פיל.

יאהולא, יאהולא...

1939

אַ ליד

(מעלאָדיע „טומבאַלאַלייקע", זייט 57)

זעקס קינדער פֿאַרענדיקן האַיאָר די שול.
מיט גליק און דערפֿאָלג זאָל זייער לעבן זיין פֿול.
זיי זאָלן זיך גיין זייער אייגענעם וועג.
גערעכטיקייט, וויסן זאָל זיין זייער צוועק.

דער לערער, פֿאַרוואַלטער פֿון אונדזער שול איינס
בענטשן אייך אַלע איר זאָלט אויסוואַקסן גרויס.
גרויס אין געדאַנק און גרויס אין פֿאַרנעם.
מיט שטאָלץ גייט פֿאָרויס פֿאַר קדוש־השם...

.1939

חנוכה־ליד

(מעלאָדיע „אוי חנוכה, אוי חנוכה", זייט 57)

1

חנוכּה איז יום־טוב ביי יידן איבעראַל.
שול איינס שטייט ניט אָפּ, פאַרשטייט זיך פון כלל.
פריילעך און לוסטיק וועלן מיר זיין,
לידער זינגען, וויפל ס'וועט אַריין.

2

לאָמיר טרינקען לחיים, כאָטש קיין וויין איז ניטאָ.
איך פאַרזיכער אייך, חברים, אַז די לאַטקעס זיינען דאָ.
מיר האָבן אויך צוגעגרייט אַ פיינע פּראָגראַם,
דער יום־טוב זאָל האָבן אַ יום־טובדיקן טעם.

3

לעבעדיק און פריילעך, די שונאים אויף צו־להכעיס,
היטלערן און זיין גלייכן זאָל וואַרפן אין קדחת.
יידישע שולן וועלן מיר בויען מער און מער,
לייענען אַ יידיש בוך זאָל ניט זיין אַזוי שווער.

4

אונדזער שפּראַך איז ניט ערגער פון אַלע,
און זי ניט באַהערשן איז גאָר אַ גרויסע עוולה.
מער וועל איך ניט נודיען, כ'האָב ניט דעם שרייבערישן כוח
הוליעט און פאַרברענגט, און זייט זיך משמח.

1940

צוויי קינדער אויסגעגעבן

(מעלאָדיע „די מיזינקע אויסגעגעבן‟, זייט 58)

פריילעך, מונטער!
ס'איז אַ גרויסע שמחה:
די גאָטליבס גיבן צוויי קינדער אויס!
אין שול גייט די אַרבעט פאָרויס.
ס'איז דער יום־טוב דאָפּלט גרויס.
צוויי קינדער אויסגעגעבן,
צוויי קינדער אויסגעגעבן.

זייט מוטיק, גערדולדיק!
גייט פאַרעקשנט צום צוועק.
יידישע בילדונג איז אונדזער ציל,
קינדער אין דער שול מוזן זיין פיל.
הוליעט, געסט, טאַנצט אַ קאַדריל:
צוויי קינדער אויסגעגעבן,
צוויי קינדער אויסגעגעבן.

פייגל, אוירווינג,
מלכה און בנימין:
מזל־טוב אייך אַלע פיר:
ברכות גיבן מיר אייך אָן אַ שיעור
פון טיפסטן האַרצן, גלויבט זשע מיר.
צוויי קינדער אויסגעגעבן,
צוויי קינדער אויסגעגעבן.

מחותנים, זייט גליקלעך!
האָט נחת אַ סך!
איר האָט דאָס גליק פאַרדינט,
די יידישע וועלט האָט איר באַצירט.
טרינקט לחיים, טרינקט זשע, טרינקט.
צוויי קינדער אויסגעגעבן,
צוויי קינדער אויסגעגעבן.

1940

פורים

(מעלאָדיע „פילע מענער זיינען דאָ", זייט 56)

1

דער האָט אַ טעות, ווער עס קלערט —
פורים איז ניט קיין יום־טוב.
עס איז די מעשה גאָר פאַרקערט:
עס איז אַ פרייהייטס־יום־טוב, יאָ!

יאָ, יאָ! פורים איז אַ יום־טוב!
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ פורים איז אַ יום־טוב, יאָ!..

2

אַ שלעכטע צייט פאַרן ייד געווען,
שווער אַריבערטראָגן,
פאַרניכטעט שיר דאָס יידישע פאָלק
דורך המנען איז געוואָרן, יאָ!

יאָ, יאָ! שווער אַריבערטראָגן.
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, פאַרניכטעט שיר געוואָרן, יאָ!..

3

אַ נס אין לאַנד איז דאַן געשען,
די מלכה ווערט גאָר אסתר,
המן טויט, — ווי ניט געווען —
פאַר יידן דער נס דער גרעסטער, יאָ!

יאָ, יאָ! אַ מלכה ווערט גאָר אסתר.
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ! פאַר יידן דער נס דער גרעסטער. יאָ!

4

מיר האָבן איצט אַ המן אויך,
זיין נאָמען ווייסן אַלע.
צעברעכן אים, זיין היטלערס קאָפּ
וואָלט ניט געווען קיין עוולה, יאָ!

יאָ, יאָ! היטלער איז זיין נאָמען.
יאָ, יאָ, יאָ! ער זאָל הענגען באַלד ווי המן, יאָ!

5

אויף ניסים איצט טאָר מען ניט וואַרטן,
מיר מוזן עפּעס טאָן:
פֿאַרשפּרייטן וויסן און קולטור
און האַלטן שטאָלץ די פֿרייהייטס־פֿאָן, יאָ!

יאָ, יאָ! מיר מוזן עפּעס טאָן.
יאָ, יאָ, יאָ, האַלטן שטאָלץ די פֿרייהייטס־פֿאָן, יאָ!

6

אַ יידישע שול איז דאָך קולטור,
שול איינס איז גרייט צו דינען,
טאָ העלפֿט אונדז בויען אונדזער שול
מיר זאָלן דעם קאַמף געווינען, יאָ,

יאָ, יאָ, שול איינס איז גרייט צו דינען.
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, מיר וועלן דעם קאַמף געווינען.

1940

זיי־געזונט־ליד

(מעלאָדיע „אוי, אוי, יאָשקע פאָרט אַוועק", זייט 58)

עס פאָרט אַוועק אַ פאַרוואַלטער
פעלט ער ביי אונדז אויס.
מיר וועלן זיך באַמיען
די שול זאָל גיין פאָרויס.
אוי, אוי, אוי, אוי, קייליע פאָרט אַוועק.
ניט געדאגהט, ניט געזאָרגט:
אַלץ וועט בלייבן אויף אַן אָרט.

קייליע מינקין פאָרט אַוועק,
וואָס איז אַזאַ רעש?
די אַרבעט וועט זיך אָנגיין,
די זיצונגען, אָן כעס.
אוי, אוי, אוי, אוי, קייליע פאָרט אַוועק . . .

צוליב קייליען ניט פאַרגעסט
אַז חנוכה איז היינט.
זייט זשע פריילעך, זייט זשע מונטער,
הייסע לאַטקעס עסט...
אוי, אוי, אוי, אוי, קייליע פאָרט אַוועק . . .

איך וועל בענקען,
איך וועל דענקען
שטילערהייט אַליין.
טאַראַ ראַרא טאַראַראַראַ
איר ווייסט דאָך וואָס איך מיין,
אוי, אוי, אוי, אוי, קייליע פאָרט אַוועק . . .

זייט געזונט, איר אַלע פריינד,
פאַרצייט מיר מיינע זינד.
שרייבט מיר אָן אַ בריוול,
ניט זשאַלעוועט קיין טינט.
אוי, אוי, אוי, אוי, קייליע פאָרט אַוועק . . .

1940

אַ מחיה

(מעלאָדיע „געזעזן אין פּאַלעסטינע”, זייט 59)

וואו בין איך געווען (2 מאָל)
אַזאַ לאַנגן ווינטער?
ביים גרויסן ים געווען,
אַ גליק איז מיר געשען,
מענטשן זאָגן: ס׳אַ מחיה.

ווי האָב איך פאַרבראַכט, (2 מאָל)
איינע אַליין אין מיאַמי?
געברענט זיך אויף דער זון,
הנאה געהאַט דערפון,
איך זאָג אייך: פּשוט אַ מחיה.

וואָס האָב איך געזען (2 מאָל)
אין דער וואונדער־שטאָט מיאַמי?
דעם ים, דעם בלויען הימל,
דעם מענטש באַדעקט מיט שימל,
איך פרעג אייך: וואו איז די מחיה?

ווי איז מיר געפעלן (2 מאָל)
דאָס לעבן אין מיאַמי?
גאָטס וועלט איז זייער שיין,
מיר מענטשן זיינען געמיין.
איך ווייס ניט, וואָס איז די מחיה?

וואָס האָב איך געטאָן (2 מאָל)
אין דעם זוניקן מיאַמי?
ס׳האָט גאַנץ גענוג געקרענקט,
נאָך אַלע פריינד געבענקט.
איך זאָג אייך: ד אָ איז אַ מחיה!

1940

זעווינס ווילא

(מעלאָדיע „טומבאַלאַלייקע״, זייט 57)

עס שטייט אַ קליינע ווילא אין מיטן דער גאַס,
אַהין קומען מענטשן, וואָס זעען אויס בלאַס.
זיי גייען זיך דורך אַ פּאָר מאָל צום ים —
פאַרברענט ווערן זיי, צו דערקענען זיי קוים.
טומבאַלאַלאַיקאַ...

איר ווילט אפשר וויסן, ווער שטייט דאָרטן איין?
ס׳איז ניט אַבי ווער אַהין פאָרט אַריין.
דאָס זיינען די טרעגער פון יידיש־קולטור, —
די לייבן פון אונדזער ליטעראַטור.
טומבאַלאַלאַיקאַ...

איינער — איז שטיל מיט אַ רואיק געמיט,
מיט קיין זאַך פאַרכאַפּן קענט איר אים ניט.
נאָר טאָמער, חלילה, וואַרפט איר אַריין
אַ פרעמד וואָרט אין יידיש — וועט שטורעמדיק זיין.
טומבאַלאַלאַיקאַ...

פאַראַן איז אַ קריטיקער אויך צווישן זיי,
וואָס האָט ניט קיין רו, אַפילו ביים טיי.
ס׳געפעלט ניט דאָס קלייד, ס׳געפעלט ניט די הוט,
די שיך אויסגעשניטן, — ס׳ווערט אַזש ניט גוט.
טומבאַלאַלאַיקאַ...

ס׳איז פשוט אַ צער אויף די פרויען, די דריי.
זיי זיינען דערשראָקן, זיי זיינען ניט פריי
צו אָנטאָן אַ „פּלעי־סוט״, די נעגל צו שמירן,
ווער רעדט שוין פון דעם — אַ מאַן צו פאַרפירן.
טומבאַלאַלאַיקאַ...

איך בין זיך מתוודה, איך האָב געטאָן אַזאַ חטא,
געפאַלן פון „בייק״ און בין קראַנק אין בעט.
אַ „בייק״ איז ניט יידיש, אַ פרוי טאָר ניט פאַלן,
ווי ווייז איך מיין פנים צו די ראַדיקאַלן?
טומבאַלאַלאַיקאַ...

1940

י. גאָטליב

(מעלאָדיע „טומבאַלאַלייקע", זייט 57)

1

אַ שטילער, אַ טרייער פאַרוואַלטער איז דאָ,
וואָס דאגהט און זאָרגט, ווען קיין געלט איז ניטאָ
דירה־געלט צו צאָלן, צאָלן דעם לערער;
באַקומען שכר־לימוד פאַר קינדער וואָס מערער.

2

ער זיצט זיך אין ווינקל און טוט זיך זיין זאַך:
עס פעלט נאָך שכר־לימוד, עס פעלט נאָך אַ סך.
דאַן שטעלט ער זיך אויף מיט אַ שווערן געמיט
אָפצוגעבן דעם פינאַנץ־באַריכט.

3

אַזוי גייט ער אָן מיט דער אַרבעט כסדר
שטיל און גוטמוטיק, איינגעשפּאַרט אין חדר.
זיין נאָמען געוויס פאַלט אייך איין:
דאָס איז חבר גאָטליב, — געבענטשט זאָל ער זיין.

4

איין ליד איז גאָר ווייניק אים צו מאָלן פאַר אייך.
איך בין נעבעך אָרעם, אין לשון ניט רייך.
זיין אויפטו אין שול רעדט אַ סך מער,
ווייל קיין זאַך איז אים פאַר דער שול ניט צו שווער.

5

חברטע גאָטליב, זיין פרוי, האָט פאַרדינט
דערמאָנט צו ווערן ביי דעם יום־טוב אַצינד.
אַ ליד וועלן מיר איר זינגען אַן אַנדערש מאָל,
ווייל איר קומען דאַך לידער גאָר אָן אַ צאָל.

6

אַ האַרציקן גרוס אייך פון מיר אַליין,
וואָס זיצט זיך אין מיאַמי אין צימער פוסט און קליין.
פֿאַרברענגט און זייט פֿריילעך, און האָט גוט יאָר.
פיל גליק צו די גאָטליבס, דער טייערער פּאָר.

1940

צום נייעם יאָר

(מעלאָדיע „יאַהולאַ“, זייט 56)

אַ שלעכטער, אַ ביטערער
יאָר איז אַוועק.
דעם מוט ניט פאַרלאָרן: —
מיר גייען צום צוועק!

אַ ניי יאָר קומט אָן,
באַגריסט אים מיט וויין.
מען זאָל מער ניט הערן
פון צרות און פיין.

פאַרדאַמט זאָל ווערן
דעם מענטשנס האַס.
שלום מוז הערשן
אויף דער מענטשלעכער גאַס.

מזל־טוב,
די מאַשינאָווס פּאָר!
ס'איז שוין דרייסיק יאָר
אַז זיי זיינען אַ פּאָר.

פאַרברענגט און זייט פריילעך
אין שול איצט ביי אונדז.
ווערט שיכור אַמאָל, —
באַווייזט אַזאַ קונץ.

אַ גוטער יאָר אייך,
טייערע געסט!
געדענקט זשע אויף ווייטער
שול איינס ניט פאַרגעסט.

1942

די ראָבינסאָנס

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

שול איינס איז נאָך קליין,
ס׳איז זייער ניט שיין,
מיר בויען זי לאַנגזאַם
אַ שטיין נאָך אַ שטיין.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

ניט גרינג איז צו בויען
אַ בנין פון גייסט,
„מ׳דאַרף אים ניט האָבן,
דער גייסט אָפט מאָל בייסט."
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

מיר זיינען פאַרעקשנט
און בויען שול איינס,
זאָל לייכטן דאָס פייער,
אַפילו אַ קליינס.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

עס קומט צו אַ טוער,
עס קומט צו אַ קינד,
די שול ווערט גרעסער, —
איז פריילעך אַצינד.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

אַ יום־טוב און פרייד
איז אויך ביי אונדז היינט,
אַ פּאָר נייע טוער,
אַ פּאָר גוטע פריינד.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

זייט וואַרעם באַגריסט,
איר טייערע פּאָר,
מיר ווינטשן אייך מוט,
און זאָל שוין זיין גוט.

1942

די סיראָטינס

(מעלאָדיע „80 ער און 70 זי", זייט 59)

ס'איז געוואָרן פולע פינף יאָר
אַז שול איינס האָט זיך באַפריינדט מיט אָט דעם־אָ פּאָר:
ער איז הויך און זי איז שיין,
אַ פּאָר, איך זאָג אייך, מלא חן!

ביידע פאַרוואַלטערס און טוערס אין שול,
אַזעלכע אַ סך — וואָלט די שול געווען פול.
ער איז הויך און זי איז שיין,
אַ פּאָר פאַרוואַלטערס פול מיט חן.

דאָס יידיש וואָרט איז הייליק ביי זיי,
אין דעם גייסט ווערן דערצויגן זייערע טעכטער צוויי.
ער איז הויך און זי איז שיין,
זיי זיינען ביידע פול מיט חן.

די סיראָטינס, אָט די צוויי
טייער און האַרציק זיינען זיי.
ער איז הויך און זי איז שיין,
אַ פּאָר חברים, מלא חן.

ער איז געוויס אין כעס אויף מיר,
איך באַזינג אים הויך און שיין — גאָר איר.
הויך איז ער און זי איז שיין,
אַ פיינער זיווג פול מיט חן.

זייט מיר מוחל, חברים, דאָ,
איך בין ניט שולדיק, קיין טאַלאַנט ניטאָ.
ער איז שיין און זי איז שיין,
בלייבט זשע אייביק מלא חן.

1942

צו ד״ר צבי עפשטיין

(מעלאָדיע „אוי, אוי, יאַשקע פאָרט אַוועק״, זייט 58)

1

נאָך אַ יאָר איז פאַרביי,
מיר בויען אונדזער שול.
ס׳מאַכט ניט וואָס ס׳איז שווער,
מיר זיינען האָפענונגספול.

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר —
דער אַכטער יאָר פאַרביי.
מיר האָפן און מיר גלייבן:
די אַרבעט איז כדאַי.

2

מיר פייערן דעם יום־טוב
צוזאַמען אַלע דאָ.
מיינט ניט אַז קיין דאגות,
קיין צער איז ניטאָ.

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר...

3

איינער אַ חבר
דער שול אַ טרייער פריינד
פאַרלאָזט אונדז מאָרגן פרי,
מיר געזעגענען זיך היינט.

זייט געזונט און קומט געזונט,
און נעמט זיך אָן מיט מוט.
איר וועט זיין ביי אונדז צוריק,
און ווידער וועט זיין גוט.

4

ער גייט אין דער אַרמיי
צו היילן קראַנקע דאָרט.
ס'טוט אונדז זייער וויי,
מיר האָבן ניט קיין וואָרט.

זייט געזונט און קומט געזונט...

5

דאָקטער עפשטיין איז דער פריינד,
ער איז איצט — קאַפּיטאַן.
מיר ווינטשן אים פיל גליק.
ער איז אַ בראַווער מאַן.

זייט געזונט און קומט געזונט...

6

ער האָט זייער שטאַרק פאַרדינט
פון אַ פּאָעט אַ ליד.
וועל איך שוין בעסער שווייגן
און ענדיקן דערמיט.

זייט געזונט און קומט געזונט...

1943

אַ באַגריסונגס־וואָרט

(מעלאָדיע „זייער גוט, זייער גוט״, זייט 60)

היינט אין שול איז
אַ באַנקעט.
ווער האָט דעם כבוד ?
פרעגט זשע, פרעגט.
זייער גוט, זייער גוט !
איי, ס'איז זייער,זייער גוט !

חבר איטקין איז
ער דאָך
וואָס טראָגט פון שול איינס
דעם שווערן יאָך.
זייער גוט, זייער גוט !
איי, ס'איז זייער,זייער גוט !

ער האָט באמת דאָס
פאַרדינט.
זייט אַלע פריילעך
אומבאַדינגט !
זייער גוט, זייער גוט !
איי, ס'איז זייער,זייער גוט !

ער ווערבירט און רעכנט, —
וואָס טוט ער ניט ?
די שול איז אים טייער.
ער ווערט ניט מיד.
זייער גוט, זייער גוט !
איי, ס'איז זייער,זייער גוט !

מיר ווינטשן אים אַלע
כוח און מוט,
גליק און הצלחה אין אַלץ
וואָס ער טוט.
זייער גוט, זייער גוט !
איי, ס'איז זייער,זייער גוט !

1943

די חברים ליפשיץ

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

1

די ליפשיץ־משפּחה
איז געטריי אונדזער שול.
מיר פילן און שעצן
עס אָן אַ שיעור.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

2

שוין לאַנג, אַז עס ווילט זיך
צו זינגען אַ ליד
פאַר ליפשיץ, די שול־פריינד,
וואָס ווערן ניט מיד.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

3

צו אייער געבורטסטאָג
זייט האַרציק געגריסט,
האָט נחת אַ סך,
פון לעבן געניסט.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

4

מיר זיינען אייך דאַנקבאַר,
איר גיט אונדז צו מוט.
מיט אייך איז אונדז לייכטער,
מיט אייך איז אונדז גוט.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

1943

ס׳ווילט זיך פרעגן

(מעלאָדיע „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיאָ״, זייט 59)

ס׳ווילט זיך פרעגן
אַן אַלטע קשיאָ:
וויפל איז דער שיעור
צו ליידן פיין,
צו זיין געדריקט,
ווי אונדזער יידיש פאָלק?

ענטפערט מען:
ס׳מאַכט ניט אויס.

דאָס פאָלק איז שטאַרק.
דאָס פאָלק איז גרויס!

און אַז מען וויל
קען מען דאָך זאָגן:
וואָס איז פאַר אַ רעש?
ס׳איז גאָר ניט קיין פאָלק,
און ס׳דאַרף ניט קיין רעכט
צו לעבן, שאַפן פריי.

בלייבט דאָך ווידער
די אַלטע קשיאָ:
וואָס טוט זיך מיט דער וועלט?
די וועלט איז גרויזאַם,
די וועלט איז קראַנק.
זי האָט קיין ענטפער
אויף אונדזער צער.

1944

די גאָרעליקס

(מעלאָדיע „80 ער און 70 זי״, זייט 59)

1

חבר גאָרעליק איז זעכציק יאָר.
ער מעג זיין אַ ביישפּיל דעם יונגגן דור.
ער אַרבעט שווער, איז פול מיט מוט
און האָט ניט קיין רו אויף איין מינוט.

2

דעם יידישן לעבן איז ער געטריי,
ער קעמפט דער מענטש זאָל ווערן פריי.
צער און גזירה, און שלעכטס בכלל
זאָלן ניט הערשן איבעראַל.

3

גיטל, זיין פרוי, העלפט אים מיט
צו טראָגן זיין פעקל אויף דעם געביט.
זי גיט אים מוט. זי זאָגט: — ס'איז גוט!
מ'טאָר ניט רוען קיין איין מינוט.

4

מיר בענטשן זיי מיט גליק אַ סך.
טרינקט לחיים, ס'איז אַ גוטע זאַך.
מיר ווינטשן זיי, דער טרייער פּאָר,
פיל געזונטע, גוטע יאָר!

1944

שול־בויאונג
(מעלאָדיע „גוואַלד זשע ברידער", זייט 60)

ס'איז שוין ניין יאָר אַז מיר בויען,
איינס, צוויי, דריי, פיר...
אַ יידישע שול פאַר אונדזערע קינדער,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
מ'זאָל יידיש ניט פאַרגעסן,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
יידיש־גייסט זאָל וואַקסן גרעסער,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
ניט קיין לערנען, ניט קיין וויסן,
ניט פאַרזוכן אַ שווערן ביסן, —
היינט וואָס טויגט איר אויף דער וועלט?
מיט וואָס וועט איר קומען אויף יענער וועלט?

אַי דאָס בויען גייט פּאַמעלעך,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
און דער בנין איז נאָך שוואַכלעך —
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
ס'פעלן אונדז בויער, ס'פעלט אונדז כוח,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
מיר וועלן אָבער ווייטער בויען,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
ניט קיין לערנען, ניט קיין וויסן . . .

מיט עקשנות, מיטן גלייבן,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
אין דער וויכטיקייט פון יידיש,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
שטאַרק זאָל זיין דאָס יידיש לעבן,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
נאָר ניט אויפהערן צו שטרעבן,
איינס, צוויי, דריי, פיר . . .
ניט קיין לערנען, ניט קיין וויסן . . .

1944

אַ באַגריסונג

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

איך באַגריס אייך, חברים
און פריינד פון שול איינס,
פאַר קומען אַהער, —
אונדזער יום־טוב איז גרויס!
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

ניין יאָר איז אַוועק,
שווערע אַרבעט און שרעק,
דעם מוט ניט פאַרלאָרן,
געשטרעבט אַלץ צום צוועק.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

ניין גרויזאַמע יאָרן
אויף גאָר דער וועלט,
אַכזריות פאַר יידן
האָט ניט געפעלט.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

איז דאָך אַ שמחה
אַז מיר זיינען דאָ,
צו אַנגסטן און דאגות
איז פלאַץ דאָ ניטאָ.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

מיר האָבן מיט אונדז
זייער חשובע געסט,
פון צרות און שלעכטס
אויף דעם אָוונט פאַרגעסט.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

מיט מוט און עקשנות
וועלן מיר בויען די שול,
אַ בנין אַ קליינער,
אָבער גייסט זאָל זיין פול.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

1944

לכבוד די גאָטליבס

(מעלאָדיע „טומבאַלאַלייקע", זייט 57)

גוט־שבת, חברים, גוט־שבת אייך פריינד!
מ'האָט אייך באַשטראָפט מיט אַ פּאַרזיצער היינט.
עס וועט אייך ניט העלפן, ס'איז צו־שפּעט צו קעמפן,
איר מוזט, נעבעך, ליידן און שטילערהייט שווייגן...

טומבאַלאַלאַ . . .

די גאָטליבס, די ליבע חברים די צוויי,
לאַדן אייך איין צום טראַדיציאָנעלן גלאָז טיי.
צוליב דעם גייסט וואָס הערשט אין שול איינס
פעלט זיי ניט קיין כוח — זייער אימפּעט איז גרויס...

טומבאַלאַלאַ . . .

ס'איז דאָ מיט אונדז אַ חברטע חנה,
אַ טרייע, אַ שטילע יידישע טאָכטער איז זי.
פאַר איר געזונט נעמט אַ גלעזעלע וויין!
פון אַלע פריינד געבענטשט זאָל זי זיין.

טומבאַלאַלאַ . . .

באַגריסט אויך די באָבע, וואָס זיצט אַזוי שטיל.
זי האָט געאַרבעט, געדאגהט פיל
דער טיי זאָל זיין זיס, מאכלים געשמאַק.
זאָל לעבן די באָבע, געזונט זיין און שטאַרק.

טומבאַלאַלאַ . . .

אַזוי ווי איר זעט, מיינע חשובע געסט,
שטייען מיר אַלע געבונדן פעסט.
מיר טרעטן ניט אָפּ פון הייליקן אָרט,
ווייל אייביק מוז לעבן דאָס יידישע וואָרט.

טומבאַלאַלאַ . . .

1945

צו ל. כאַנוקאָוו

(מעלאָדיע „אוי חנוכה, אוי חנוכה", זייט 57)

כאַנוקאָוו, אָ, כאַנוקאָוו
געזונט זאָלט איר זיין!
מיר טרינקען היינט לחיים,
מיר טרינקען היינט וויין.
איר זאָלט מער ניט קרענקען,
אויף שטענדיק געדענקען
פריילעך, געזונט
און שטאַרק צו זיין.

כאַנוקאָוו אַלס לערער
איז זייער שטאַרק באַליבט,
פון קליינע און פון גרויסע
אָן אַן אונטערשייד.
ער איז אַ גוטער חבר,
אַ טרייער פריינד,
מיר זיינען אמת גליקלעך,
אַ שמחה איז היינט.

ער איז אויך אַ קינסטלער,
אַ שרייבער און אַ סקולפּטאָר.
וויל ער עפּעס זאָגן —
שרייבט ער, אָדער שניצט ער.
ווינטשן מיר אים אַלע
געזונט און מוט,
צו אָנגיין מיט זיין שאַפן,
צו טאָן וואָס ער טוט.

איין חסרון האָט ער:
ער איז צו באַשיידן.
איך וויל אים דאָס דערמאָנען,
אָט דווקא דאָ אין פריידן.
מעלות האָט ער אָן אַ שיעור —
איך בין עס ניט מגזם,
גלויבט זשע מיר...

1945

צום צענטן יובל פון שול איינס
(מעלאָדיע „געווען אין פּאַלעסטינע", זייט 59)

1

מיט צען יאָר צוריק
ווערט באַשלאָסן דאָ
עפענען אַ יידישע שול,
מיט גליק.
אַ שול פאַר יידיש־וואָרט.
אַ שול פאַר יידיש לעבן.
אָט דאָס איז אונדזער חיות,
אונדזער שטרעבן.

2

די קינדער — קליין אין צאָל,
אַ קראָם — איז אונדזער דירה.
מיר שאַפן אָבער דאָ
אַ יידישע סביבה.
אַ שול פאַר יידיש־וואָרט . . .

3

ס'וואַקסט אויס אַ וואַרעם ווינקל
פון גייסט און יידיש וויסן —
קליין און גרויס
זאָלן געניסן.
אַ שול פאַר יידיש־וואָרט . . .

4

אַזוי וואַקסן מיר פאַמעלעך
מיט קליינע טריט פאָרויס.
איי, ס'איז שווער ? —
עס מאַכט ניט אויס.
מיר בויען דאָך אַ שול.
אַ שול פאַר יידיש לעבן.
ס'איז אונדזער חיות.
אונדזער שטרעבן!

1945

די איטקינס

(מעלאָדיע „טומבאַלאַלייקע", זייט 57)

1

היינטיקער יום־טוב איז כשר פאַרדינט
פון חבר און חברטע איטקין אַצינד.
זיי בויען די שול, זיי זיינען געטריי.
זיי גלויבן דאָס יידישע וואָרט זאָל זיין פריי.

2

ער טוט פאַרעקשנט די אַרבעט אין שול,
שרייט אין איין קול: די שול מוז זיין פול
מיט יידישע קינדער וואָס זיינען פאַראַן
אין יידישע גאַסן, אַז מ'זוכט מיט אַ פלאַן.

3

זי איז אַ שטילע, אַ רואיקע פערזאָן.
גלויבט אין דער זאַך און שטרענגט זיך גוט אָן
צו זאָרגן פאַר קינדער, ניט שטערן איר מאַן.
שול־אַרבעט איז גוט — זי גיט אים צו מוט.

4

זייט ביידע, חברים, האַרציק באַגריסט.
מיר שעצן שטאַרק אָפּ אייער גרויסן פאַרדינסט.
מיר ווינטשן אייך גליק און נחת אין לעבן.
הערט־זשע ניט אויף צום אמת צו שטרעבן.

1946

די קאַצמאַנס

(מעלאָדיע „זייער גוט, זייער גוט", זייט 60)

מיר באַגריסן די געסט,
וואָס זיינען מיט אונדז היינט:
די קאַצמאַנס, די קינדער
און אַלע פריינד.
אַי, ס'איז גוט, אַי, ס'איז גוט,
אַי, ס'איז זייער, זייער גוט!

פ י ל און נ ע ד
זיינען ווידער דאָ,
ס'קומט זיי אַ האַרציקער
ברוך־הבא!
אַי, ס'איז גוט . . .

קאַצמאַנס, איר טרייע
טוערס פון שול איינס,
מזל־טוב אייך, פריינד,
אייער שמחה איז גרויס.
אַי, ס'איז גוט . . .

דאגות און צער
האָט אייך ניט געפעלט.
שמחות און גליק
ווערט פון אונדז באַשטעלט . . .
אַי, ס'איז גוט . . .

נעכען קומט מזל־טוב —
אומבאַדינגט!
זי האָט איצט היי־סקול
גראַדואירט.
אַי, ס'איז גוט . . .

גרויזאַמע יאָרן
זיינען פאַרביי,
די יוגנט זאָל בויען
אַ וועלט אויפס'ניי.
אַי, ס'איז גוט . . .

1946

מיר זיינען ווידער דאָ...

(מעלאָדיע „גלות־מאַרש" זייט 61)

אָט אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר
זיינען מיר אַלע ווידער דאָ.
ווייל די אַרבעט רופט דערצו,
און קיין מידקייט איז ניטאָ.

די יידישע שול, שול, שול
זאָל זיין מיט קינדער פול.
דאָס יידיש וואָרט, וואָרט, וואָרט
זאָל זיך הערן דאָ און דאָרט.

מיט עקשנות און גרויס מי
ווערט יידיש־גייסט פאַרשפּרייט דאָ הי.
מיר פאַרשטייען עס זייער גוט:
עס גיט אונדז צו נאָך מערער מוט.

די יידישע שול, שול, שול . . .

און אַזוי אַ דור נאָך אַ דור
לעבט זיך יידן זייער שווער.
ווייל ניט קיין שווערד און ניט קיין טאַנק,
נאָר דאָס וואָרט איז דאָס געווער.

די יידישע שול, שול, שול . . .

מיר מוזן האָפן, מוזן בויען
יידישע שולן איבעראַל.
כדי די יוגנט זאָל באַנעמען,
אַז דאָס יידיש פאָלק געהערט צום כלל.

די יידישע שול, שול, שול . . .

1946

אַ לאַנד פאַר יידן

(געווידמעט דער פרייַלאַנד־ליגע)

(מעלאָדיע „פילע מענער זיינען דאָ", זייט 56)

1

פילע פעלקער זיינען דאָ, —
דו ביסט אָבער איינער.
אָן אַ לאַנד און אָן אַ היים —
וואַנדערסט אום ווי קיינער, יאָ!
יאָ, יאָ, די וועלט וויל עס ניט וויסן.
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, פאַרדאַרבן איר געוויסן, יאָ!

2

דו, מיין פאָלק, ווילסט אָבער לעבן.
מיר וועלן אַלע מוטיק שטרעבן
פאַר דיין צוקונפט, פאַר דיין זיין.
גענוג שוין צער, גענוג שוין פיין. יאָ!
יאָ, יאָ, גענוג שוין צער פאַר יידן.
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, גענוג, גענוג געליטן, יאָ!

3

אויך פאַר דיר אַ לאַנד, ווי אַלע,
בויען זאָל זיך יידיש לעבן,
יידיש־גייסט און יידיש־וואָרט.
וואַקסן, שאַפן זאָלסטו דאָרט, יאָ!
יאָ, יאָ, אַ פרייע לאַנד פאַר יידן,
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, אַ פרייַלאַנד פאַר יידן, יאָ!

1948

און אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר...

(מעלאָדיע „גלות־מאַרש" זייט 61)

1

און אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר
זאָרגן מיר פאַרן יונגן דור.
מיט עקשנות און מיט מוט
און אַ סך אַ סך געדולד.
פאַר דער שול, שול, שול,
מיט קינדער פול, פול, פול.
ס׳פעלן קינדערלעך,
העלפט אונדז, ברידערלעך!

2

אין דער גרויסער, ברייטער וועלט
דאָס יידיש פאָלק איז קליין אין צאָל.
שטאַרק אין גייסט און אין פאַרנעם, —
אייביק פאָלק אויף אַלע מאָל!
פאַר דער שול, שול, שול,
מיט קינדער פול, פול, פול.
ס׳פעלן קינדערלעך,
העלפט אונדז, ברידערלעך!

3

ס׳איז ניט לייכט צו זיין אַ ייד.
ס׳איז קיין יושר נאָך ניטאָ.
מיר וועלן שטרעבן סיי ווי סיי:
פאַר אונדזער רעכט צו קעמפן איז כדאַי!
פאַר דער שול, שול, שול,
מיט קינדער פול, פול, פול.
ס׳פעלן קינדערלעך,
העלפט אונדז, ברידערלעך!

1948

די שול איז שוין אָפן

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

עס מוז זיין היינט פריילעך,
און גאָר ניט געזאָרגט!
פאַר צרות און דאגות
איז דאָ ניט קיין אָרט.

די שול איז שוין אָפן,
די אַרבעט גייט אָן,
צו קריגן מער קינדער,
אָט דאָס דאַרף מען טאָן!

אַ לערער אַ גוטער,
פון די קינדער באַליבט,
וועט העלפן אונדז בויען
די שול אומבאַדינגט.

מיר באַגריסן דעם לערער
אין אַ גוטער שעה,
און זאָגן אים האַרציק
אונדזער ברוך־הבאָ!

איך וויל נאָר דערמאָנען
פאַרוואַלטערס בלויז צוויי —
דאָס זיינען די גאַטליבס,
איך מיין טאַקע זיי.

זיי שלעפּן דעם וואָגן
מיט אימפּעט און ליבע.
די שול איז זיי טייער, —
אָט דאָס איז די סיבה...

.1949

צוויי מיליאָן יידן . . .

(מעלאָדיע „האָב איך מיר אַ מאַנטל", זייט 61)

צוויי מיליאָן יידן לעבן אין ניו־יאָרק
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
איז אין זיי ניטאָ קיין יידישער דוך.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
דאַרום האָבן מיר באַטראַכט
און פון אַ קרעמל אַ שול געמאַכט.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .

•

יידן האָבן קינדער, קליין און גרויס,
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
ווערן זיי דערצויגן אין אַ פרעמדן דוך.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
דאַרום האָבן מיר באַטראַכט
און די קינדער אין שול איינס געבראַכט.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .

•

האָבן מיר אַ לערער, איז ער גוט און פיין.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
איז אין אים ניטאָ קיין פּראַקטישער דוך.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
דאַרום האָבן מיר באַטראַכט
און פאַרוואַלטערס אין שול געבראַכט.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .

•

•

זאָרגן די פּאַרוואַלטערס אָן אַ שיעור,
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
ס׳פּעלט אָבער אַמאָל דער לעבעדיקער דוך.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
דאַרום האָבן מיר באַטראַכט
און די טיי־אָוונטן אויסגעטראַכט.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .

•

איז ביי די מינקינס אַ טיי־אָוונט היינט,
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
האָט דער טיי קיין לעבעדיקן דוך.
טראַלאַ־לאַ־לאַ . . .
דאַרום האָבן מיר באַטראַכט
און ליבע געסט אַהערצו געבראַכט.
טראַ־לאַ־לאַ . . .

•

זאָלן זיין באַגריסט די טייערע געסט —
טראַ־לאַ־לאַ . . .
ווייל זיי גיבן צו דעם לעבעדיקן דוך —
טראַ־לאַ־לאַ . . .
דאַרום האָבן מיר באַטראַכט
און פון דער מעשה אַ סוף געמאַכט . . .
טראַ־לאַ־לאַ . . .

1950

זאָגט ניט קיין מאָל . . .

(מעלאָדיע „זאָג ניט קיין מאָל", זייט 62)

1

זאָגט ניט קיין מאָל, אַז די אַרבעט איז אומזיסט!
אַ יידיש־שול מוז האַרציק זיין באַגריסט.
זאָגט ניט קיין מאָל, אַז מיר טוען ווינציק אויף,
ווייל האַרט און שטייניק איז דער וועג צום באַרג אַרויף.

2

יידיש־קיום איז דער צוועק פון אונדזער זיין.
אונדזער צוקונפט ווערט געמישט מיט ווי און פיין.
מיר וועלן ניט מיד ווערן פאַרשפרייטן דאָס יידישע וואָרט,
עס זאָל בליען, עס זאָל שאַפן — דאָ און דאָרט.

3

דערווייל, שול איינס איז אַ פייערל אַ קליינס,
וואָס ברענט זיך שטיל און איינזאַם אין דער נאַכט.
נאָר ס'וועט נאָך קומען, עס איז זיכער, אַזאַ צייט,
און ס'וועט אַ פלאַקער טאָן דאָס פייער אין זיין פראַכט!

4

טאָ זאָגט ניט קיין מאָל, אַז די אַרבעט איז אומזיסט!
אַ יידיש־שול מוז האַרציק זיין באַגריסט.
זאָגט ניט קיין מאָל, אַז מיר טוען ווינציק אויף,
ווייל האַרט און שטייניק איז דער וועג צום באַרג אַרויף!

1950

צוויי נשמות אין מיאַמי

(מעלאָדיע „80 ער און 70 זי", זייט 59)

אין מיאַמי־ביטש, אויף דער 15טער גאַס
שטייען צוויי הייזער — ראָז און בלאַס.
איינס איז „האַרוואַרד", דאָס אַנדערע — „יעיל".
עס וואוינען דאָרט: קייליע און פּאָליע שיין. (2 מאָל)

ניט אוניווערסיטעטן, גלייבט זשע מיר,
מען שפּילט נאָר קאָרטן אָן אַ שיעור.
מען רעדט פון פערדלעך און פון הינט, —
קייליע און פּאָליע ווערן שלעכט געשטימט. (2 מאָל)

זיי גייען אַוועק זיך פּאַמעלעך אין גאַס.
ניט גוט אויפן האַרצן, — אָן אַ שפּאַס.
מ'גייט, מ'בלאָנדזשעט און מען טראַכט:
ווי שיין דער הימל, דער ים — אַ פּראַכט! (2 מאָל)

מ'שמועסט, מ'רעדט און מען שווייגט גאַנץ אָפט.
ס'טרעפט אויך אַ ווייטיק — דאָ און דאָרט.
מ'גייט צוזאַמען באַזוכן אַ פריינד, —
גרינגער איז צו בענקען זאַלבענאַנד. (2 מאָל)

מ'לאַכט גענוג, ווען מ'דערזעט די צוויי,
קייליע און פּאָליע — דאָס זיינען זיי.
ניט געדאגהט, אַז געלאַכט:
זיי האָבן דאָ גאַנץ־גוט פאַרבראַכט. (2 מאָל).

1951

גראַדואיר יום־טוב

(מעלאָדיע „יאַהולאַ", זייט 56)

1

דריי קינדער גראַדואירן
היינט אין שול איינס.
מיר פרייען זיך אַלע,
די שמחה איז גרויס.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

2

מיר ווינטשן די קינדער
אַ סך נאָך צו לערנען,
ווייל לערנען איז לעבן,
און לעבן הייסט — שטרעבן.
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

3

מיר בענטשן זיי האַרציק
מיט אַ צוקונפט פול גליק,
שטענדיק פאָרויסגיין,
און קיין מאָל ניט צוריק!
יאַהולאַ, יאַהולאַ...

4

איך מוז אייך דערמאָנען
די פישערס אַצינד,
ווייל ס׳פאַרענדיקט די שול
זייער דריטע קינד.
יאַהולאַ, יאַהואַל . . .

5

פרוי פישער אַליין
האָט שוין לאַנג גראַדואירט
אַלס רעדנער, פאַרוואַלטער,
אַלס עכט יידיש קינד.
יאַהולאַ, יאַהואַל . . .

1953

שול־דערעפענונג

(מעלאָדיע „זייער גוט, זייער גוט״, זייט 60)

גוט־שבת אייך, געסט! גוט־שבת, פריינד!
לכבוד שול איינס — אַ יום־טוב היינט.

זייער גוט, זייער גוט, אַי
ס'איז זייער, זייער גוט!

די אַרבעט אין שול גייט גאַנץ גוט.
מיר אַלע זיינען פול מיט מוט.

זייער גוט, זייער גוט, אַי
ס'איז זייער, זייער גוט!

די שמחה ביי אונדז איז האַיאָר גרעסער,
ווייל די שטימונג איז פיל בעסער.

זייער גוט, זייער גוט, אַי
ס'איז זייער, זייער גוט!

די לערערין סימאָן אַרבעט שווער,
קינדער אין שול זאָלן זיין מער און מער.

זייער גוט, זייער גוט, אַי
ס'איז זייער, זייער גוט!

זי גיט אונדז מוט, זי גיט אונדז כוח.
איר קומט אַ גרויסער יישר־כוח.

זייער גוט, זייער גוט, אַי
ס'איז זייער, זייער גוט!

מיר גיבן איר אָפּ אַ ברוך־הבא,
מיר זיינען אין גייסט אַלע דאָ!

זייער גוט, זייער גוט, אַי
ס'איז זייער, זייער גוט!

1954

אַ יוביליי

(מעלאָדיע „80 ער און 70 זי״, זייט 59)

1

ס׳איז אין אויגוסט געוואָרן פינף און דרייסיק יאָר
זינט יהודה און קייליע זיינען אַ פּאָר.
טרינקט לחיים וויין אַ כוס !
ווי אַלט זיי זיינען ? — מ׳זאָגט ניט אויס !

2

יהודה איז אַ מאַן וואָס האָרעוועט אַ סך.
צו היילן מענטשן איז זיין פאַך.
קייליע אַמאָל העלפט אים אַרויס.
ווי אַלט זיי זיינען ? — מ׳זאָגט ניט אויס !

3

זיי לעבן זיך גליקלעך די גאַנצע צייט.
יסורים און צרות פעלט זיי ניט אויס.
מ׳האָרעוועט, מ׳אַרבעט און מען גייט פאַרויס.
ווי אַלט זיי זיינען ? — מ׳זאָגט ניט אויס !

4

זיי האָבן זייער לעבן געבויט אין דער שטיל.
אַ גאָרטן מיט פלאַנצן און בלומען פיל.
באַמיט זיך צו פירן אַ יידישע הויז.
ווי אַלט זיי זיינען ? — מ׳זאָגט ניט אויס !

5

זייט אַלע געבענטשט מיט אַ גוטן יאָר,
אַזוי ווינטשט אייך דאָס יונגע פּאָר.
טרינקט לחיים יאָר איין, יאָר אויס.
ווי יונג זיי זיינען ? — מ׳זאָגט ניט אויס !..

1954

צו יהודהן

(מעלאָדיע „פילע מענער זיינען דאָ", זייט 56)

פילע מענער זיינען דאָ —
דו ביסט אַ געטרייער.
פיל יהודהס זיינען דאָ —
דו ביסט אָבער מיינער.
יאָ, יאָ!.. יאָ, דו מוזסט עס וויסן.
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, דו מוזסט עס וויסן יאָ!

אַמאָל געטראָפן האָב איך דיך
אין אַ ביבליאָטעק אַ קליינער;
כמעט מיט דרייסיק יאָר צוריק
איז מיר געשען דאָס סאַמע גליק.
יאָ, יאָ!..

אַ קליינער יינגל דאַן געווען,
אַ בריה גאָר אַ גוואַלד
צו שיפלען מיידלעך אויפן טייך.
מיט זיי שפּאַצירן אין גרינעם וואַלד.
יאָ, יאָ!..

אויגן קאַרע איז ביי דיר,
וואָס וואַרעמען מיט ליבע,
אַ שמייכל שטראַלט פון זיי אַרויס,
וואָס מאַכט דאָס לעבן ניחא.
יאָ, יאָ!..

אַ ביסל עלטער ביסטו איצט, —
פאַר מיר ביסטו דער זעלבער.
מיר בויען אונדזער לעבן קליינס,
ווי צוויי געטרייע זעלנער.
יאָ, יאָ!..

זיי באַגריסט, מיין ליבער יהודה, —
היינט איז דיין געבורטסטאָג.
גיי דיין וועג, אָט ווי דו גייסט,
טו דיין זאַך ווי דו פאַרשטייסט.
יאָ, יאָ!..

1939

צו די עבלינגס און געסעלאָווס

(מעלאָדיע „זייער גוט, זייער גוט", זייט 60)

איי ס'איז גוט, מיר זיינען דאָ
לכבוד דער שול אין אַ גוטער שעה.
זייער גוט, זייער גוט.
עס איז זייער זייער גוט.

אַ דאַנק קומט די געסעלאָווס און עבלינגס משפחות,
מיר בענטשן זיי מיט אַ סך ברכות.
זייער גוט, זייער גוט . . .

זיי האָבן די טעכטער חתונה געמאַכט —
איז פֿאַר דער שול אַן אָוונט אַ פּראַכט.
זייער גוט, זייער גוט . . .

שול איינס איז באַשטימט זיי זייער טייער,
ווייל דאָ פון גייסט ברענט אַ פייער.
זייער גוט, זייער גוט . . .

חברטע גרעקין פּעלט אונדז אויס,
זי מוז געזונט ווערן און איז אין הויז.
גאַרניט גוט, גאַרניט גוט,
עס איז גאַרניט, גאַרניט גוט.

מיר ווינטשן איר אַלע געזונט ווערן שנעל
און אָנגיין מיט איר אַרבעט ווי געווען.
זייער גוט, זייער גוט . . .

פאַרגעסט ניט, חברים, אַז חנוכה איז איצט,
זייט פריילעך און מונטער, פון שול איינס געניסט.
זייער גוט, זייער גוט . . .

איי ס'איז גוט ס'איז דאָ אַ שול,
זאָל זי נאָר זיין מיט קינדער פול!
זייער גוט, זייער גוט . . .

1954

אַ ליד דער שול

(מעלאָדיע „רבינו תם״, זייט 62)

לאָמיר זינגען אַ ליד דער שול,
איידל, דידל דיין.
דאָ ווערט דערצויגן מיט גרויס מי
אונדזער יידיש קינד.
מען לערנט אים צו זיין אַ ייד, —
אַ שטאָלצער ייד צו זיין.

דאָס קינד מוז וויסן אומבאַדינגט,
איידל, דידל דיר.
אַז עס שטאַמט פון אַ פאָלק,
אַן אייביק יידיש פאָלק,
וואָס וואַנדערט אום צוויי טויזנט יאָר
און פלאָגט זיך אָן אַ שיעור,
און פלאָגט זיך אָן אַ שיעור.

איי דאָס פאָלק איז קליין אין צאָל,
איידל, דידל, דאן.
עס האָט געבראַכט די צען געבאָט
צו דער גאַנצער וועלט,
דעם גלויבן אין דעם איינציקן גאָט, —
אָט דאָס איז יידיש פאָלק,
אָט דאָס איז יידיש גייסט.

טאָ לאָמיר זינגען אַ ליד דער שול,
איידל, דידל דיין,
דאָ ווערט דערצויגן מיט גרויס מי
אונדזער יידיש קינד.
מען לערנט אים צו זיין אַ ייד,
אַ שטאָלצער ייד צו זיין,
אַ שטאָלצער ייד צו זיין.

1954

TO ROSE

(Melody "Tumbalalaika", page 57)

1

Rose our child is old fifteen years,
Blessed she shall be for many more.
She should grow in body and mind.
Life to her should be easy and kind.

2

She is a girl with a very good heart ;
Has a good mind and is often quite smart.
Let's give her a cheer on this lucky day
And wish her forever : be happy and gay.

3

Life and people are sometimes queer,
Have courage and power to meet them, dear,
Knowledge and justice shall be your guide,
Best wishes to you, our beloved child.

4

מיר בענטשן דיך, טאָכטער, מיט אונדזערע ברכות
וואָס גייען פון טיפסטן האַרצן אַרויס.
געפין דיר דיין וועג, דעם ריכטיקן וועג
צו לעבן, זיין גליקלעך, דערגרייכן דיין צוועק.

TO ROSE

(Melody "Yahula", page 56)

1

Many happy returns of the day
Be healthy and well,
Be cheerful and gay
Yahulla . . .

2

Have courage, be brave
And always head up!
Fight for your future
And never give up !
Yahulla . . .

3

Life is wonderful,
Life is great
Though the roads
Are not always straight.
Yahulla . . .

4

Take life as it is
And learn to adjust,
Expect not too much
Be fair and be just.
Yahulla . . .

5

We hug you, we kiss you,
We wish you good luck.
We really mean it —
It is not just talk.
Yahulla . . .

יאַהולאַ



פילע מענער זיינען דאָ



אַרום דעם פייער



טומבאַלאַלייקע



אוי חנוכה, אוי חנוכה



די מיזינקע אויסגעגעבן



אוי, אוי, יאַשקע פֿאָרט אַוועק



געווען אין פּאַלעסטינע



80 ער און 70 זי



פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא



זייער גוט, זייער גוט



גוואַלד זשע, בּרידער



גלות־מאַרש



האָב איך מיר אַ מאַנטל



זאָג ניט קיין מאָל



רבינו תם



אינהאַלט:

פאָרוואָרט — ל. כאַנוקאָוו — — — — — — — — — 3
שול־פייערונג — — — — — — — — — — 5
צו גאָלדע עפּשטיין — — — — — — — — — 6
די גאָטליבס — — — — — — — — — — 7
אַ ליד — — — — — — — — — — — — — 8
דריי יאָר שול איינס — — — — — — — — — 9
צום נייעם שוליאָר — — — — — — — — — 10
די שול איז יונג — — — — — — — — — 11
שול־יום־טוב — — — — — — — — — — 12
אַרום שול איינס — — — — — — — — — 13
היינט איז אַ יום־טוב אין שול — — — — — — 14
אַ ליד — — — — — — — — — — — — — 15
חנוכה־ליד — — — — — — — — — — — 16
צוויי קינדער אויסגעגעבן — — — — — — — 17
פּורים — — — — — — — — — — — — 18
זיי־געזונט־ליד — — — — — — — — — — 20
אַ מחיה — — — — — — — — — — — — 21
זעווינס ווילא — — — — — — — — — — 22
י. גאָטליב — — — — — — — — — — — 23
צום נייעם יאָר — — — — — — — — — — 24
די ראָבינסאָנס — — — — — — — — — — 25
די סיראָטינס — — — — — — — — — — — 26
צו ד״ר צבי עפּשטיין — — — — — — — — 27
אַ ביגריסונגס־וואָרט — — — — — — — — 29
די חברים ליפשיץ — — — — — — — — — 30
ס׳ווילט זיך פרעגן — — — — — — — — — 31

די גאָרעליקס — 32
שול־בויאונג — 33
אַ באַגריסונג — 34
לכבוד די גאָטליבס — 35
צו ל. כאַנוקאָוו — 36
צום צענטל יובל פון שול אײנס — 37
די איטקינס — 38
די קאַצמאַנס — 39
מיר זײַנען דאָ — 40
אַ לאַנד פאַר ײדן — 41
און אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר . . — 42
די שול איז אָפן — 43
צוויי מיליאָן ײדן — 44
זאָגט ניט קײן מאָל . . . — 46
צוויי נשמות אין מיאַמי — 47
גראַדואיר יום־טוב — 48
שול־דערעפענונג — 49
אַ יובילײ — 50
צו יהודהן — 51
צו די עבלינגס און געסעלאָווס — 52
אַ ליד דער שול — 53
To Rose — 54
To Rose — 55